# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. פארוואס דערמאנט די תורה די וואך דווקא אז דער אייבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו ע״ה אין די מדבר? זאגט דער מדרש, אז נאר איינער וואס מאכט זיך ״הפקר״ אזוי ווי א מדבר, ד״ה מען מוז זיין אן עניו כדי מקבל צו זיין די תורה. (תנחומא ישן ז׳) די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף דעם ענין אין א מורא׳דיגען אופן.

משה בלוישטיין (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א חשובער תלמיד אין זיין ישיבה אין ארץ ישראל. אפילו אבער אז משה איז געווען א שטיקל תלמיד חכם און ער האט געהאט א גוטע קאפ, איז ער אבער שוואך געווען אין אנדערע זאכן, למשל דאווענען. זיינע רבי׳ס האבן אויך כסדר געציטערט ווען זיי האבן געהערט אלע משה׳ס קשיות אין אמונה וכו׳. די הנהלה האט אנגעהויבן צו זארגן אז משה וועט ח״ו שאטן פאר די אנדערע בחורים. אבער וואס האבן זיי געקענט טון? דערווייל איז משה געווען דער בעסטער תלמיד אין ישיבה אין לערנען.

א געוויסער רבי אין ישיבה רב יוסף האט געטראכט אז אפשר טאמער משה וועט דריקען זיינע חידושים, וועט עס געבן פאר אים מער סיפוק הנפש און דורך דעם וועט אוועקפאלן אלע קשיות אין אמונה. ביז אפאר חדשים נאכדעם, האט משה צוזאמענגענומען דרייסיג פון זיין בעסטע חידושים און ער האט צוגעלייגט הסכמה בריוועז פון זיינע רבי׳ס אין ישיבה און ער האט געדריקט דעם קונטרס.

כאטש אפילו אז דער עולם איז נתפעל געווארן פון זיינע תורה׳ס, האט משה נעבאך מער און מער אראפגעגליטשט, ל״ע. ביז אפאר חדשים שפעטער האט די הנהלה געדארפט שוין מחליט זיין וואס צו טון מיט משה. אפילו אז זיין לערנען איז געווען געוואלדיג איז זיין השפעה אויף די אנדערע תלמידים געווען נישט אזוי שטארק פאזעטיוו. באין ברירה, האט דער משגיח געבעטן אז משה זאל נישט רעדן מיט די אנדערע בחורים וועגן זיינע קשיות אין אמונה. ווען משה האט דער משגיח אוועקגעמאכט, האבן זיי אים געהייסן פארלאזן די ישיבה. משה האט טאקע מסכים געווען דערצו, ווייל ער האט געוואוסט אז ער וועט נישט קענען טוישן זיין טבע, ד״ה ער האט נישט ליב געהאט צו פאלגען זיין רבי׳ס.

דורך די קומענדיגע פאר יארן, ווען משה איז שוין נישט געווען אין ישיבה, איז ער נעבאך אינגאנצען אראפגעגליטשט פונעם אידישען וועג, השם ירחם. ער איז נעבאך געווארן אן עכטע אפיקורוס במלא מובן המילה. בערך צוואנציג יאר שפעטער אין א ישיבה אין ״תפרח״ (א קליינע דארף אין דעם נגב געגענט אין ארץ ישראל) איז געווען א בחור וואס האט געהייסן שלמה ארונוב (נישט זיין עכטע נאמען). איין טאג האט שלמה געהאט א קשיא אויף א גמרא. קיינער פון די רבי׳ס האבן נישט געקענט ענטפערן זיין קשיא. איין טאג דערנאך, האט שלמה זיך איינגעשפארט אין א שטוב אליינס אין ישיבה פרובירנדיג צו פארענטפערן זיינע קשיא. פלוצלינג האט א קונטרס אויפן שראנק געכאפט זיין אויג. עפעס האט אים געצויגן צו דעם קונטרס און ער האט עס געעפענט. הפלא ופלא! יענע קונטרס האט גערעדט וועגן זיינע קשיא.

ער האט דורכגעלערנט דעם קונטרס פאר אפאר שעה אבער ער איז געבליבן מיט איין נקודה וואס איז נישט אזוי קלאר געווען. אויפן דעקל פונעם קונטרס איז געווען א טעלעפאן נאמבער פונעם מחבר. שלמה האט גערופן דעם נאמבער זאגענדיק אז ער וויל רעדן מיט דעם וואס האט געשריבן דעם קונטרס.

ווען שלמה האט געבעטן צו רעדן מיט׳ן בעל מחבר משה בלוישטיין איז דעם דער קול אויפן אנדערען זייט פונעם ליין געווארן שטיל. משה׳ס מאמע האט דעמאלט געענטפערט דעם טעלעפאן. פארשטייט זיך אז זי איז געווען זייער צובראכן וועגן אירע אפגעפארענע זון משה. נאך א לאנגע אומבאקוועמליכע שטילקייט האט משה׳ס מאמע געזאגט פאר שלמה, אז זי גלייבט נישט אז שלמה וועט קענען רעדן מיט איר זון משה. ווייל משה האט געוואוינט אליינס, און ער האט נישט געהאט קיין טעלעפאן אין זיין שטוב, און ער איז נישט געווען אזוי צופרידן אין לעבן, ל״ע. שלמה האט אראפגעשריבן דעם אדרעס און ער האט צוגעזאגט צו דער מאמע אז ער וועט איר צוריקרופן טאמער ער וועט מאכן קאנטאקט מיט איר זון.

אפאר טעג שפעטער איז שלמה טאקע געפארן צום שטאט וואו משה האט געוואוינט. שלמה האט גענומען אפאר ״אגד״ באסעס און נאכדעם איז ער סוף כל סוף אנגעקומען צו דער דירה וואו משה האט געוואוינט. שלמה האט געקלאפט אויפן טיר נישט וויסענדיג וואס וועט זיין... ״ווער איז דארט? וואס ווילסטו?״ האט א קול גערופן פון דעם אנדערען זייט פונעם טיר.

״איך בין דא דיך צו פרעגן א פראגע וועגן א שטיקל תורה וואס דו האסט געשריבן צוואנציג יאר צוריק.״ פלוצלינג האט דער טיר זיך געעפענט און א מענטש איז ארויסגעקומען. משה איז געווען זייער צובראכן און ליידער האט ער בכלל נישט אויסגעקוקט ווי א בן תורה. ״וואס איז דיין קשיא?״ האט משה געפרעגט שלמה. שלמה האט געפרעגט משה די קשיא. עס האט נישט גענומען לאנג ביז משה איז ממש אויפגעלעבט געווארן פון רעדן וועגן יענע סוגיה. נאך אלע יארן האט משה גארנישט פארגעסן! אפילו אז משה האט נעבאך נישט געטראגן קיין קאפעל אדער ציצית וכו׳, האט ער גערעדט ממש ווי א איד וואס ליגט אין לערנען! ווען שלמה האט ארויסגענומען דעם קונטרס, האט משה כמעט געחלשט, עס זענען צוריקגעקומען צו אים זכרונות פון יענע יארן. משה איז איבערגענומען געווארן מיט גרויס התרגשות. משה האט געוויינט זייער שטארק און שלמה האט נישט געקענט אים בארוהיגען. באלד דערנאך איז שלמה פשוט אהיימגעגאנגען זענדיג אז ער האט גארנישט געקענט העלפן משה.

דעם נעקסטען טאג האט שלמה גערופן די עלטערן פון משה צו דערציילן וואס איז געשען דעם פאריגען נאכט. ווען די מאמע האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, האט שלמה געהערט ווי זי האט געוויינט.

״יישר כחך... א גרויסע יישר כחך...״ האט משה׳ס מאמע געזאגט אויפן טעלעפאן מיט גרויס התרגשות אין אירע שטימע. דאן, מיט א קול צובראכן פון וויינען, האט די מאמע דערציילט וואס איז געשען.

באלד נאכדעם וואס שלמה האט פארלאזט משה׳ס דירה, האט משה גערופן זיין עלטערן. משה האט דערציילט ווי א בחור איז געקומען צו אים פרעגן וועגן איינע פון זיינע חידושי תורה פון יארן פריער. משה האט ווייטער דערציילט אז ער האט שטארק געוויינט אבער צום סוף איז ער מורא׳דיג נתחזק געווארן דורך רעדן דברי תורה מיט שלמה. משה האט גערעדט שעות מיט זיינע עלטערן זאגענדיק צו זיי אז ער וויל ווערן א בעל תשובה! ליידער אבער, אינדערפרי האט א שכן פון משה גערופן מיט א טרויעריגע בשורה, אז משה איז נעבאך נפטר געווארן פון א הארץ אטאק (פון א צובראכענע הארץ) יענע נאכט. זיי האבן אים געטראפן האלטענדיג זיין קונטרס! משה האט מקבל געווען ״שוב יום אחד לפני מתתך!״ (אבות ב,י) שלמה איז אבער זייער צובראכן געווארן, טראכטענדיג אז ער האט עס ח״ו גורם געווען. די מאמע האט אים געזאגט אז ער דארף זיך נישט אנטשולדיגען. אדרבה, שלמה האט גורם געווען אז זייער זון משה זאל תשובה טון!

עס זענען אסאך זאכן וואס מען קען ארויסלערנען פונעם מעשה. איז לאמיר לייגן דעם דגש אבער אויף איין נקודה וואס איז נוגע אין אונזער טאג טעגליכע לעבן. ד״ה דעם ענין פון עניוות. פארוואס איז די תורה געגעבן געווארן אין א מדבר? פונקט אזוי ווי א מדבר איז א וויסטע פלאץ, אזוי אויך מוז א מענטש טראכטן אז ער איז ליידיג, און נאר דעמאלט קען ער מקבל זיין די תורה. מען זעט אביסל דעם ענין אין אונזער מעשה. דער בחור משה איז זייער קלוג געווען, צו קלוג! אבער ער האט זיך נישט מכניע געווען צו זיינע רבי׳ס אין ישיבה, ווייל ער האט געמיינט אז ער איז א ״יש,״ און ער דארף נישט פאלגען. מען קען קיינמאל נישט וויסען פונקטליך פארוואס משה איז אזוי געפריוועט געווארן אין זיין לעבן, אבער לכאורה טאמער משה וואלט זיך מער מכניע געווען, וואלט ער אויפגעוואקסט א תלמיד חכם. דורך דעם וואס ער האט זיך בורימט מיט זיין למדות, עד כדי כך אז ער האט נישט געפאלגט קיינעם, איז ער ליידער געווארן אן אפיקורוס. די משנה זאגט, ״אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך, כי לכך נוצרת.״ (אבות ב,ח) דער אייבערשטער זאל העלפן אז דורך דעם וואס מען ארבעט אויף די מידה פון עניוות, קענען מיר ריכטיג צוגרייטן מקבל צו זיין די תורה, יעדען טאג, מתוך שמחה. גוט **שבת אלע אידן.**

נתנדב לע״נ רחל ריקל ע״ה בת ר׳ יצחק אייזיק הי״ו, נתרם לרפו״ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע״נ הרה״ח ר׳ ברוך (בן ר׳ יצחק ע״ה) אייזענבערג ז״ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (פר׳ תרומה קלא:)